אַרומצופֿירן אַ שוועסטער אַלס אַ ווײַבּ? ווי אויך
די איבּריקע שליחים און די בּרידער פֿון דעם האַר
6 און כיפֿא· אָדער בּין איך עס אַליין און בּר־נבֿא,
וואָס מיר האָבּן נישט קיין רשות נישט צו אַרבּעטן?
7 ווען דינט עס אַ זעלנער אויף זײַנע אייגענע הוצ־
אות? ווער פֿלאַנצט עס אַ ווײַנגאָרטן, און עסט נישט
זײַן פֿרוכט? אָדער ווער פּאַשעט אַ סטאַדע, און
8 עסט נישט פֿון דער מילך פֿון דער סטאַדע? איך
רעד דאָס פּשוט ווי אַ מענטש? צי זאָגט עס דען נישט
9 אַפֿילו די תורה? וואָרום אין תורת משה שטייט
געשריבּן: דו זאָלסט נישט פֿאַרשליסן אַן אָקס דאָס
מויל, ווען ער דרעשט· (דברים כה׳ ד׳) צי זאָרגט זיך
10 דען ג־ט (נאָר) פֿאַר אָקסן? אָדער זאָגט ער עס
פֿאַר אונזערטוועגן בּכלל? יאָ, פֿאַר אונזערטוועגן
איז עס געשריבּן געוואָרן; ווײַל דער אַקערער דאַרף
אַקערן מיט האָפֿנונג, און דער דרעשער מיט האָפֿנונג
11 צו האָבּן אַ חלק· אויבּ מיר האָבּן אײַך פֿאַרזייט
רוחניותדיקע זאַכן, איז עס אַזאַ גרויסע זאַך, אויבּ
12 מיר זאָלן שניידן אײַערע גשמיותדיקע זאַכן? אויבּ
אַנדערע האָבּן אַ חלק אינעם רשות איבּער אײַך,
האָבּן מיר דען נישט מער (רשות)? מיר אָבּער האָבּן
נישט אויסגענוצט דאָס דאָזיקע רשות, נאָר מיר
שטייען אַלץ אויס, כדי מיר זאָלן נישט פֿאַרשאַפֿן
קיין שום שטערונג פֿאַר דער בּשורה טובֿה פֿונם
13 משיח· צי ווייסט איר דען נישט, אַז די, וועלכע
בּאַשעפֿטיקן זיך מיט הייליקע עבֿודות, עסן פֿון די
זאַכן אין בּית המקדש, און די, וועלכע בּאַדינען
14 בּיים מזבּח, האָבּן אַ חלק אין מזבּח? און אַזוי האָט
אויך דער האַר מתקן געווען פֿאַר די, וועלכע זאָגן
אָן די בּשורה טובֿה, צו לעבּן פֿון דער בּשורה טובֿה·
15 איך אָבּער האָבּ מיך נישט בּאַנוצט מיט קיינס פֿון